רחל קראכוף

# וואלקנס ווילן וויינען



## געחלומט

איך האָב געחלומט
א חלום;
געחלומט,
אַז דו,
דו ביסט
דער חלום!

געחלומט;
— — — — —
דער חלום
איז מיין,
דער חלום
איז דיין,
און אפשר
גאָר
אַלעמענס וואָר;



איך בין געשטאַנען
אַנטקעגן דיר,
געזען דיך
פּנים אל פּנים —
דו האָסט גערעדט;
אויך צו מיר
האָסטו גערעדט;
די רייד דיינע
האָבן כמעט
די האָר מיר געגלעט.

ביסט געגאַנגען
צו משה רבינו,
צו שלמה,
צו דוד המלך
אַן עצה געהאַלטן
צי זאָלסטו
דעם ים
אָדער
אפשר
דווקא
דעם הימל צעשפּאַלטן;

אַלע גאַסן
האָבן זיך צעקייקלט
מיט פרייד,

געוויקלט
  די מגילה
וואָס איז
  צום לייענען
שוין צוגעגרייט.

איך האָב
  געקליבן
ווי יאַגעדעס
  אין וואַלד
אות נאָך אות
וואָס איז
ווי די אייביקייט
  אַלט.

געפלאָכטן
אות
מיט אות,
וואָרט
מיט וואָרט —
אַ קרענצל פאַר דיר ;
צו פאַרשרייבן
אויף אייביק
דיין נאָמען
אויף פאַרמעט פאַפיר.

# תפילה

## די תחינה

גאָט פון אברהם, פון יצחק
און פון נאָך און נאָך...
איך וויל דיך דערמאָנען
אַז מיין מאַמע האָט געהאַט
אַ מאַמע;

יעדן ראש חודש האָט זי
דיין נאָמען געלויבט,
אין דיין הייליקן נאָמען
האָט זי
אויף אַן אמת געגלויבט.

היינט,
ווען איך האָב געלופטערט
דאָס ספרים-שענקל
איז אין ווינקל אַ בענטשערל
געלעגן,
אַ בענטשערל מיט טעוועלעך
גרינע;
איך הויב דאָס אויף
פון דאָרט,

און פלוצים רינט אויף
מיינע הענט
אַ טרער נאָך אַ טרער
— — — — —
איך קוק,
טרערן פון בענטשערל
רינען.
בעט איך ביי גאָט
מיר פאַרטייטשן
דעם סוד,
איך אַליין
קאָן נישט פאַרשטיין;
רינען טרערן
אַזויפיל יאָרן
אין דעם זעלבן בענטשערל
אַריין?

בעט איך מיין באָבעס
געבעט,
זאָל די שעה חלילה
נישט ווערן צו שפּעט; —
דו אַליין
קלייב די טרערן צענויף,
צעשיט זיי פאַנאַנדער
אויף דער גאַנצער וועלט.

טריף אין יעדנס האַרצן
אַ פּאָר טראָפּן אַריין;
וועט אפשר די וועלט
דאַן —
אַז אַנדערע זיין;

אפשר וועלן מענטשן
אָנהויבן בענטשן
יעדער דעם אַנדערנס
טריט,
דו וועסט ווידער ווערן
געלויבט,
און איך וועל קענען פאַרשטיין
זיך אַליין
און גלויבן אין אַלץ, וואָס
איך גלויב.